UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Lider (Poems)

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/6kb2374p

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 93(1)

Author
Vaserman (Wasserman), Leyb (Leib)

Publication Date
1979

Copyright Information
Copyright 1979 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

לייב וואַסערמאַן

# לידער

## 1. בײַ מיר

בײַ מיר איז בראשית,
אמת און שבת.
איך באַריר
אַלע טעמעס
פון די באַשעפענישן.
דער המשך איז שפּעדיק,
כוללדיק און ווינטיק.
בײַ מײַן טיש
פאַרזיכערן זיך
אַלע זעלן.
מיר צעשטעלן,
אַלע געשעענישן
אין זייערע שעהן.
און כאַטש די זעלן
זײַנען הויל פון לעבן,
בין איך
דער פאַרהוילנסטער,
דער נישט אָנגעזעענסטער זיווג.
כ'רוק זיך
צום קלענסטן ווינקל,
כדי קיינמאָל נישט
פאַרוועלקן.
כ'וועל איבערוואַרטן
אין נאָך אַ דאַכטעניש.
אין אַן ענדיקע נויטן,
כדי רעדן אומענדלעך.

## 2. ווען...

ווען וועסטו פאַרווענדן דאָס ליד?
דײַן אומעט גייט צו גרונט.
די ווידוי איז אומענדלעך—
און ניט פאַרשריבן.
דײַן מאָרגן טראָגט
אויף אַ באַרג פּאַפּירן.
פירנדיקע פּערזן,
וואַלגערן זיך פאַרלאָזן.
דײַנע גענג
פייערן ניט עפּנטלעך.
דײַן דור
פאַרווענדט ניט דײַן וואָר.
פאַרדייעט ניט דײַן דויער.
ווערסט אייניציקער
און אייניציקער
און דער סוף ווערט לײַדיק —

## 3. די ריגנען

די רינגען,
וואָס זאָלן אונדז ביידע
צוזאַמענהאַלטן,
זײַנען נאָך אַלץ אײַנגעדרימלט.
אַז סע שטעלט זיך אין מיר איין
אַ פונק פון שטילקייט,
מיין איך, אַז איך גיי
זיך פאַראייניקן מיט עפּעס.
אַז איך ווער
פילבאַר
פאַר אַ פאַרהוילעניש.
ס'זײַנען דאָ
אַזוי פיל טויטן
צווישן די אייביקייטן,
אַז דער ספק
איז תמיד אָנגעצונדן.
דערפאַר
איז עפּעס תמיד אין מיר דין,
צו זיך אָנבינדן
אין נאָך אַ וועזן.

## משה שקליאַר

# „וואָס איך האָב געלייענט פֿאַר די טויטע“

### אַ לידער־בוך וועגן וואַרשעווער געטאָ, דערשינען אין פּוילן

פֿאַראַיאָרן צום 35סטן יאָרטאָג פֿון אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, איז אין וואַרשע דערשינען אַ זאַמלונג לידער פֿון פּויליש־יידישן דיכטער וולאַדיסלאַוו שלענגעל, וועלכער איז אומגעקומען בעתן געטאָ־אויפֿשטאַנד. די לידער, אַרויסגעגעבן דורכן „מלוכהשן פֿאַרלאַג אינסטיטוט“, האָט צונויפֿגעזאַמלט און באַאַרבעט אירענאַ מאַטשעיעווסקאַ. און זאָל דאָ גלייך געזאָגט ווערן, אַז וועלכע עס זאָל נישט האָבן געווען די סיבות פֿון אַרויסגעבן דאָס בוך (פּראָפּאַגאַנדע פֿאַר אויסלאַנד, באַווייזן די „יידן־פֿריינדשאַפֿט“ פֿאַר די הונדערטער געסט וואָס זענען געקומען פֿון פֿאַרשידענע לענדער צו די געטאָ־פֿייערונגען, אָדער אַנדערע סיבות) איז די זאַמלונג צונויפֿגעשטעלט געוואָרן מיט פּיעטעט פֿאַרן אומגעקומענעם דיכטער. עס איז כמעט אַן אַקאַדעמישע אויסגאַבע אין וועלכער די צונויפֿשטעלערין האָט אַריינגענומען אַלץ וואָס וולאַדיסלאַוו שלענגעל האָט געשאַפֿן אין דער צייט ווען ער האָט זיך געפֿונען אין דער וואַרשעווער געטאָ, פֿון סאַמע אָנהייב ביז זיין טראַגישן טויט אין אַפּריל 1943, אינעם בונקער אויף שווענטאָיערסקאַ גאַס נומער 36, חוץ איין ליד וועגן וועלכן עס וועט זיין אַ רייד שפּעטער.

דאָס בוך איז פֿאַרזען מיט אַן אויסשעפּיק פֿאָרוואָרט פֿון אַן ערך 30 זייטן, וואָס הייבט זיך אָן מיט אַ מאָטאָ פֿון אַברהם סוצקעווער, מיט אַ נאָכוואָרט פֿונעם רעדאַקטאָר, אויפֿקלערונגען וועגן באַזונדערע לידער, ווען זיי זענען אַנטשטאַנען און די געשעענישן צו וועלכע זיי האָבן אַ שייכות.

דער טיטל פֿונעם בוך — „וואָס איך האָב געלייענט פֿאַר די טויטע“ איז שלענגעלס.

## 4. מיין אַרב

ג־ט,
מיין אַרב איז חלום.
דאָס ליד איז הימלאָז און הייליק.
גיב מיר מיין שטעקן
און מיין שטילקייט.
מיין ברויט און מיין שגעון.
דער אומעטיקער מהלך
איז פֿול מיט מאַכט.
דער דראַנג איז אויסגעשטערנט.
אַן אָרטלאָזע רו
באַנייט מיין שאָטן,
דינט אויס מיין פּנים.
כ׳וועל גיין, ג־ט,
אָפּפֿרישן מיין שווייגן.
זיך וואַרעמען ביי דיין וואָר,
גוסען ביי דיין גאָב.

## 5. אַ גאַנץ לעבן

אַ גאַנץ לעבן,
אַז איך דערמאָן חלומות
און פֿאַרשווינדענישן.
אָפּגעשלאָפֿענע שטופּעס
פֿון מיין געשטאַלט.

ווי לאַנג
וועל איך נאָך אויסחלומען
מיין חותם ?
זיך נאָכשלייכן
נאָך זיך אַליין?